בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

מקץ חנוכה תשפ"ב
גליון 70



**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוּדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרע קִינְדֶער**

טַייעֶרע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז אִין גָאר אַ וַוייטֶער לַאנְד, אִיז פַארְהַאן אַ מֶעכְטִיגֶער קֶענִיג, וֶועלְכֶער פַארְמָאגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, כֹּחַ אוּן כָּבוֹד. אוֹיף דֶער צְוֵוייטֶער זַייט וֶועלְט וואוֹינְט אַ קְלֵיין פָאלְק, זֵיי פַארְמָאגְן אַ קְלֵיין לֶענְדְל, אוּן פִירְן זִיךְ בַּאשֵׁיידְן מִיט זֵייעֶרע מִנְהָגִים.

אֵיין טָאג קוּמְט צוּ גֵיין דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין גַאנְצֶער מִילִיטֶער וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן מִילְיָאנֶען סָאלְדַאטְן, זֵיי ווִילְן אַייְנְפִירְן אַז אִין דֶעם קְלֵיין לֶענְדְל זָאל מֶען זִיךְ אָנְהֵייבְּן פִירְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע מִנְהָגִים פוּן דֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיגְ'ס קֶענִיגְרֵייךְ. עֶס לֵייגְט זִיךְ אוֹיפְן שֵׂכֶל אַזַא גֶעשֶׁעעֶנִישׁ??

פַאר מֶער פוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צַדִיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹות. אֵיין טָאג קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעזֶעץ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גְרִיכִישְׁן קֶענִיג, אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה, הִיטְן שַׁבָּת אוּן מַאכְן אַ בְּרִית. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְרֶעדְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶע סָארְטְן סְבָרוֹת, אַז תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות אִיז נִישְׁט חָשׁוּב, נָאר עוֹלָם הַזֶה מִיט אִירֶע תַּאֲווֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת אוּן אַלֶע מְשׁוּגַע'תְן אִיז וֶוערְד אוּן גֶעשְׁמַאק אוּן דֶער צִיל אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף זַיין הֲנָאָה צוּ הָאבְּן, מֶען זָאל נָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אֵיין טָאג פְלִיעֶן אַלֶע תַּאֲווֹת אַוֶועק ווִי אַ זַייפְן בְּלָאז.

"וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם נֵייעֶם גֶעזֶעץ, וֶועט מֶען הַרְגְ'נֶען!", הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין נָאמֶען פוּנֶעם קֶענִיג פוּן יָוָן.

לַיידֶער הָאבְּן אַסַאךְ אִידְן פַארְקְרָאכְן אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן אַזוֹי ווִי דִי יְוָונִים, אַ טֵייל אִידְן הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי יְוָונִים, אַ טֵייל הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְגֵיין דִי תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס בַּאפֶעל "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ!", זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן מִתְיַוְונִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.




דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶּער "כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַארְלָאזְט נִישְׁט קַיינְמָאל זַיין פָאלְק, אוּן וֶוען מֶען שְׁרַייט צוּ אִים, מַאכְט עֶר מֶעכְטִיגֶע ווּאוּנְדֶער.

אַזוֹי הָאבְּן דִי אֵיינְצִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִיקִים אוּן תְּמִימִים גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה קֶעגְן אַ מִילִיטֶער פוּן מִילְיָאנֶען סָאלְדַאטְן מִיט שְׁטַארְקֶע גֶעוֶוער. גֶעלֶערְנְטֶע גֶענֶערַאלְן זֶענֶען גֶעפַאלְן ווִי פְלִיגְן קֶעגְן דָאס בִּיסְל רֶעשְׁטֶע אִידֶעלֶעךְ. מֶען הָאט גֶעזֶען קְלָאר מִיט אוֹיגְן אַז "אֵלֶּה בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵינוּ נַזְכִּיר".

הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוֹיךְ וֶוען מַלְכוּת יָוָן שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט חָכְמוֹת חִיצוֹנִיוֹת אוּן תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶה, אוּן דֶער עִיקָר דִי קְלִיפָּה פוּן עַצְבוּת אוּן טְרוֹיעֶר. זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז, לַיידֶער הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ אִידְן מְיַיאֵשׁ

המשך אויף זייט 8

# גיין נאך חנוכה געלט

דער הייליגער רבי פלעגט פאסטן אסאך תעניתים. אבער ער האט דאס זייער באהאלטן אז מענטשן זאלן זיך נישט דערוויסן דערפון, אפילו זיינע גאר נאנטע און זיין חשוב'ע רעבעצין האבן אויך נישט געוואוסט דערפון. דער איינציגער וואס האט יא מיטגעהאלטן איז געווען דער משרת פון רבי'ן – וועלכער איז געווען גאנץ א פשוט'ער איד, אים האט דער רבי זייער שטרענג אנגעווארנט ער זאל פאר קיינעם אין דער וועלט נישט מגלה זיין און פארציילן וועגן די תעניתים.

אנשטאט דער רבי זאל אויפעסן וואס די רעבעצין האט געקאכט פאר'ן רבי'ן, האט עס דער משרת אויפגעגעסן!

עס האט זיך געמאכט עטליכע מאל ווען דער רבי האט געהאלטן אינמיטן זיינע תעניתים און דעם רבינ'ס תלמיד ר' חייקל איז אריינגעקומען, האט ער באמערקט אז דער רבי איז אין זייער א שוואכן צושטאנד, האט ער זיך דערוואוסט פון דעם גרויסן סוד אז דער רבי פראוועט תעניתים. פון גרויס צעמישעניש האט ער זיך אנגערופן צום רבי'ן: "אויב דער רבי וועט נישט עסן וועל איך פארציילן פאר מענטשן דער סוד אז דער רבי פאסט!", דער רבי האט זיך ארויסגעדרייט און ווייטער אנגעהאלטן מיט זיינע תעניתים.

אין שטאט מעדוועדיווקע געפינט זיך יעצט דער רבי, ער ליגט אין בעט כמעט פאר'חלש'ט, עס גייט אים ארויס בלוט פון זיינע אויגן, אויערן און פון זיין הייליג מויל. דער רבי האלט שוין נאכן פאסטן אפאר טעג אין איין צי. ר' חייקל קומט אריין צום רבי'ן און זעט דעם גאנצן מצב וואס דא גייט פאר, ער האט זיך זייער דערשראקן פאר'ן רבי'נס לעבן, ער בעט זיך צום רבי'ן: "הייליגער רבי, זייט עפעס טועם! אפשר וויל דער רבי עפעס טרינקען? רבי! איר זענט אין א סכנה צושטאנד!" אבער דער רבי האלט זיך ביי דאס זייניגע, ער וויל נישט בשום אופן אפשטעלן זיין תענית!

"איך וועל אויסזאגן פאר מענטשן אז דער רבי פאסט!" רופט זיך ר' חייקל אן. דער רבי ענטפערט אים: "חייקל, גיי שעכט אן עוף און גרייט אן אביסל יויך, איך זאל קענען עסן גלייך נאך מעריב"; ר' חייקל איז געלאפן מיט פרייד מיטן הינדל צום שוחט. נאכן שעכטן האט ער ארויסגעפליקט די פליגלען און אפגעקאכט א פיינע נארהאפטיגע זופ.

נאך מעריב ווען ר' חייקל קומט אריין צום רבי'ן און דערלאנגט אים דאס טעלער. דער הייליגער רבי לייגט ארויף איין פיס אויפן בענקל, די צווייטע פוס אויף דער ערד און רופט זיך אן: "חייקל זינג מיר דעם פרומער ניגון" – דאס איז דער באוואוסטער ניגון וואס אנשי שלומנו זינגען שבת אויף די ווערטער 'מעין עולם הבא'. אויפן רבי'נס באפעל הייבט ר' חייקל אן - מיט זיין זיסע שטימע – זינגען דעם ניגון, ווען דער רבי גייט אריין אין א דביקות. ווען ער האט געענדיגט דעם ניגון ווייזט אים דער רבי מיט די האנט, ער זאל ווידער אנהייבן דעם ניגון, ר' חייקל הארכט ער זינג נאכאמאל, אזוי האט זיך דאס אפגעשפילט עטליכע מאל און ר' חייקל זינגט דער ניגון א גאנצע נאכט שטייענדיג נעבן רבי'ן, דער רבי האט נאכאלץ נישט געקאסט פונעם עסן...



נאך לאנגע שעה'ן רופט זיך דער רבי אן צו ר' חייקל "איצטער גיי ארויס, זע וואו די נאכט האלט", ר' חייקל גייט ארויס און זעט אז עס איז שוין דער עלות השחר, די זופ איז שוין לאנג אויסגעקילט...

דער רבי האט געקענט ווייטער אנהאלטן זיין הייליגער מנהג און ווייטער געפאסט ביזן קומענדיגן שבת.

דער רבי האט דאן געזאגט פאר ר' חייקל: "פארוואס איז דאס מאל געווען אזוי שווער דאס פאסטן? ווייל עמיצער איז געוואויר געווארן, איינער האט זיך דערוואוסט", דעריבער איז דער רבי דאסמאל געווען אין א סכנה. געווענליך פלעגט דער רבי זיך פירן באשיידן בהצנע לכת, עס האט געקענט אריבער גיין גאנצע וואכן און קיינער זאל זיך נישט דערוויסן, אבער וויבאלד יעצט האט מען זיך יא דערוואוסט, איז דער רבי געווען אין א סכנה.

~~~

דער רבי האט אמאל געזאגט פאר ר' חייקל: "איך וויל דו זאלסט זיין א מקבל – זאלסט דארפן אנקומען צו נדבות פון אנדערע. אויב דו וועסט פארן מיט מיר קיין ברסלב, וועסטו זיין א חידוש אין דיין זאך – אזוי ווי
~~~

# מַיין
# מַעֲשֶׂה'לֶע

**הֶמְשֵׁךְ פוּן יִצְחָק פוּן שְׁטָאט לָאקוּב, פּוֹילְן**

שְׁמַאטֶעס! שְׁמַאטֶעס! הֶער אִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן שְׁפַּאצִירְנְדִיג אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי גַאסְן אִין וַוארְשֶׁע, אִיךְ הָאבּ מִיט מַיינֶע שַׁארְפֶע אוֹיגְן - וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בַּאשָׁאנְקֶען - בַּאמֶערְקְט אַז דֶער אִיד מוּרְמְלְט זִיךְ אוּנְטֶער וֶוערְטֶער, צְווִישְׁן זַיינֶע גֶעשְׁרֵייעֶן "שְׁמַאטֶעס".

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁער הֶענְדְלֶער וָואס אִיז אַרוּם פֶּעדְלֶען זַיינֶע שְׁמַאטֶעס, אִיךְ בִּין אִים צוּשְׁטִיל נָאכְגֶעגַאנְגֶען, בִּיז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי עֶר לוֹיפְט גֶעשְׁווִינְד אַרַיין אִין אַ פִינְסְטֶערֶע קֶעלֶער אוּנְטֶער דֶער עֶרְד, מִיט דְרַייסְטְקַייט הָאבּ אִיךְ גֶעקְלַאפְּט אוֹיף זַיין טִיר. דֶער אִיד עֶפְנְט דִי טִיר אוּן מֶעסְט מִיךְ אָפּ מִיט אַפָּאר אוֹיגְן פוּן קָאפּ בִּיז פִיס; "וָואס ווִילְסְטוּ, צַדִיקְ'ל" פְרֶעגְט עֶר מִיט וואוּנְדֶער. "אִיךְ ווִיל שְׁמַאטֶעס" הָאט אִיךְ שְׁנֶעל אָפְּגֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף זַיין וואוּנְדֶער.

דֶער אִיד נֶעמְט מִיר אַרַיין מִיט כָּבוֹד אִין זַיין "פַּאלַאץ" אוּן צַייגְט מִיר זַיינֶע סְחוֹרוֹת, אָפְּגֶענִיצְטֶע הוֹיזְן, אַ הִיטְל וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁטִימֶען וֶועלְכֶע קָאלִיר עֶס הָאט אַמָאל גֶעטְרָאגְן, אִיךְ הָאט אָפְּגֶעזָאגְט אַלֶע זַיין פָארְשְׁלַאגְן וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן.



"וָואס זוּכְסְטוּ טַאקֶע?" פְרֶעגְט דֶער פֶּעדְלֶער נָאכְן אַיינְזֶען אַז אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ קוֹיפְן אֲפִילוּ אֵיין שְׁמַאטֶע נִישְׁט. אִיךְ נֶעם זִיךְ דִי שְׁטַארְקַייט אוּן עֶנְטְפֶער אִים: "אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְן גַאס נָאכְן אוֹיסְשְׁרֵייעֶן 'שְׁמַאטֶעס'..."

וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעזֶען מַיין תְּמִימוּת, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ מִיר: "אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אוּנְז אַרִיבֶּער בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת, דָאס אִיז דִי רֵייד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מִיר אַלֵיין".

אִיךְ הֶער מִיט וואוּנְדֶער דִי אֱמֶת'ע דִיבּוּרִים, וֶוען דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אַנְטְפְּלֶעקְט מִיר נָאךְ אוּן נָאךְ דְּרָכִים וָואס מֵיינְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אוּן דִי עֵצוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעזֶעגְנְט, עֶר הָאט מִיר צוּגֶעווָאוּנְטְשְׁן אַ בְּרָכָה, אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר אָפְּגֶעמַאכְט, "דָא אִיז מַיין פְּלַאץ, אִיךְ וִויל זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר".

שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין פַארֶעכְנְט צְווִישְׁן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פוּן נָאנְט גֶעקֶענְט דֶעם פֶּעדְלֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי טוֹיזְנְטֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים אִין פּוֹלִין, זַיין נָאמֶען אִיז ר' אַהֲרֹן בְּצַלְאֵל פֶּעפֶּער.

---

אִיךְ אִין מַיין זַאךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז ר' חַייקְל זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אָנְנֶעמֶען דֶעם חַזָּנוּת פָּאסְטְן, דָאס זָאל זַיין אַ פַּרְנָסָה פַאר אִים, אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אִים שְׁטִיצְן, וֶוען עֶר וֶועט זַיי זִינְגֶען חַזָּנוּת שְׁטִיקְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר ר' חַייקְל אַ כֹּחַ הַנְּגִינָה פוּן גָאר אַ הוֹיכְן שׁוֹרֶשׁ.

ר' חַייקְל אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, עֶס הָאט אִים נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ זַיין אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען דָאס חַזָּנוּת פַאר זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע פַּרְנָסָה, הָאט עֶר מִיט זַיין הַאנְט אַוֶועקְגֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּי'נְס פָארְשְׁלָאג.

"דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט זַיין דֶער חִידוּשׁ, מֶען וֶועט דִיר רוּפְן חַייקְל" הָאט דֶער רֶבִּי אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט אִים רוּפְן נָאר מִיט זַיין נָאמֶען 'חַייקְל', אָן אַ טִיטוּל 'רֶבִּי' פַאר זַיין נָאמֶען.

~ ~ ~

ר' חַייקְל פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט קְרָאקָאוְ – וָואס אִיז אִין שְׁכֵנוּת פוּן

קְרִימֶענְטְשׁוּק – דָארְט הָאט עֶר גֶעהַאנְדְלְט מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

נָאכְן רֶבִּי'נְס פְּטִירָה פְלֶעגְט ר' נָתָן אַרוּם פָארְן קַיין טְשֶׁערִין מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין אִין דִי שְׁטָאט קְרָאקָאוְו אוּן קְרִימֶענְטְשׁוּק אוּן נָאךְ דֶערְפֶער אַרוּם.

אֵיין יָאר וֶוען ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין דִי חֲנוּכָּה טֶעג, אִיז ר' חַייקְל אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט מִיט גְרוֹיסְהַאלְטֶענִישׁ אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן זָאגְט פַאר ר' נָתָן: "דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל זַיין אַ חַזָּן, וָואלְט אִיךְ יֶעצְט גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ לָאמְטֶערְנֶע (צוּ לִיכְטִיג מַאכְן אִין דִי טוּנְקֶעלֶע גַאסְן) אוּן בֶּעטְן חֲנוּכָּה גֶעלְט".

[צוּ זַיין אַ חַזָּן אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְשֶׁעמְטֶע פַּרְנָסָה, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּם גֵיין צוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת אִין שְׁטָאט אוּן מַאכְן דָארְט אַ מִי שֶׁבֵּרַךְ, אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְן דִי חַזָּנִים אִין דִי חֲנוּכָּה טֶעג אַרוּמְגֵיין אִין דִי הַייזֶער פוּן דִי גְבִירִים זִינְגֶען.]

ר' נָתָן הֶערְנְדִיג וִוי ר' חַייקְל הַאלְט זִיךְ נָאךְ גְרוֹיס, הָאט עֶר אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "נָאכְאַלְץ הָאסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן...?"

ר' חַייקְל הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי'נְס וֶועג, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעווּאוֹינְט אִין קְרָאקָאוְו אִין הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דֶעם שְׁמוּעֶס פוּן ר' נָתָן, אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאט דֶער זוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּארוּמֶען אֵיינֶעם פוּן דִי חָשׁוּבֶ'ע רַבֵּיִים צוּ וֶועלְכְן דֶער זוּן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן, זַיין נָאמֶען הָאט גֶע'שֶׁמְ'ט אַז עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן פִירְט זִיךְ מִיט חוּמְרוֹת, סְפֶּעצִיעֶל הָאט עֶר בַּאוואוּנְדֶערְט דָאס הַדְרַת פָּנִים וָואס דֶער רֶבִּי טְרָאגְט.

ר' נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער זוּן פוּן ר' חַייקְל אִיז גֶעוָוארְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּ דֶעם רֶבִּי'ן וַוייל זַיין הַדְרַת פָּנִים הָאט אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, הָאט אִים ר' נָתָן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער אוֹיסְנְדִיגֶער שֵׁיינֶער פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין בַּאוַוייז אוֹיף זַיין פְּנִימִיּוּת, אַז אוֹיךְ אִינֶעוֵויינִיג אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער. ר' נָתָן רוּפְט זִיךְ אָן: מַיין שְׁוַוארְצֶער הָאט מֶער הַדְרַת פָּנִים!" "מַיין שְׁוַוארְצֶער אִיז מֶער פְרוּמֶער פוּן אִים".

דִי כַּוָּונָה פוּן ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען אוֹיף זַיין תַּלְמִיד ר' נַחְמָן דֶער זוּן פוּן ר' עוֹזֵר, וֶועלְכֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַז שֵׁיינֶער הַדְרַת פָּנִים בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עוֹבֵד ה' אוּן גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער. ר' נָתָן הָאט אִים גוּט גֶעקֶענְט אוֹיךְ זַיין פְּנִימִיּוּת אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, וֶוען ר' חַייקְל מִיטְ'ן זוּן הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, אִיז דֶער זוּן אַרוֹיס פוּן צִימֶער אוּן צוּגֶעטְרַאסְקֶעט דִי טִיר... ר' נָתָן רוּפְט זִיךְ אָן אוֹיפְ'ן זוּן: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין גַאנְץ וַוייט פוּן אוּנְז".

ר' חַייקְל אִיז גֶעפָארְן אַמָאל מִיט אַ פוּלֶע וָואגְן הָאלְץ וָואס עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט פוּן אַ בַּעַל עֲגָלָה, אִינְמִיטְן הַאנְדְלֶען וֶועגְן אַ פְּרַייז, הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ קְרִיגֶערַיי אוֹיף אֵיינְצְלְהֵייטְן פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל עֲגָלָה: "חַייקְל שֵׁייגֶעץ". ר' חַייקְל רוּפְט זִיךְ אָן דֶערְשְׁרָאקְן: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין דֶער חִידוּשׁ, מֶען וֶועט מִיר מֶער נִישְׁט רוּפְן ר' חַייקְל, אָבֶּער מֶען זָאל מִיר רוּפְן 'חַייקְל שֵׁייגֶעץ?".

אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן הָאט אִים אֵיינְמָאל אַ פְּרוֹי פַארְשֶׁעמְט, הָאט עֶר זִיךְ וֵוייטָאגְלִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין קַיין חִידוּשׁ, אָבֶּער אַז מֶען וֶועט מִיר פַארְשֶׁעמֶען, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט". וִוי אֵיינֶער זָאגְט, פוּן וואוּ קוּמְט מִיר דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער אִיר זָאלְט וִויסְן אַז ר' חַייקְל אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי גָאר חָשׁוּבֶ'ע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מִיר זֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר וֶועלְן יֶעצְט דֶערְצֵיילְן.

ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי ר' חַייקְל אִיז זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ קֵיין צֶלֶם אֱלֹקִים אוֹיבּ מֶען עֶנְדִיגְט נִישְׁט קֵיין שַׁ"ס, בֶּעט אִיךְ אַז מַיינֶע אֵיינִיקְלַאךְ זָאלְן הָאבְּן הַתְמָדָה" ר' חַייקְל הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל מַמְלִיץ טוֹב זַיין אוֹיף אִים, אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, וַוייל דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.

(שיח שרפי קודש החדש, [בעריכה])

# בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ

## ~4~




**בַּיינַאכְט אִיז אָנְגִיקוּמֶען** דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אוּן הָאט זֵיי גִיגִיבְּן עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אַקֶעגִין טָאג הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט דָאס גְרוֹיסֶע גִילֶעכְטֶער (הַנַּ"ל) בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער הָאבִּין גִיצִיטֶערְט.

**עֶס הָאט גִיבְּרָאכִין אַלֶע בֵּיימֶער** (דָאס קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער) הָאט עֶר אִים אָנְגִירֶעט (דְהַיינוּ דֶער קְנֶעכְט הָאט אָנְגִירֶעט דֶעם אֱמֶתְ'ן בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר) אַז עֶר זָאל פְרֶעגִין דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד. וָואס דָאס אִיז.

**הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט.** וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער נָאנְט צוּ טָאג. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָאס לַאכְט דֶער טָאג אוֹיס דֶער נַאכְט. וָוארִין דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג. פַארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט. הָאב אִיךְ קֵיין נָאמֶען נִישְׁט. טוּט דֶער טָאג אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער.

**אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט טָאג.** אוּן דָאס אִיז דָאס גִילֶעכְטֶער וָואס מֶע הֶערְט נָאנְט צוּ טָאג. אִיז דָאס בַּיי אִים אַ גְרוֹיס וִוינְדֶער גִיוֶוען. וָוארִין דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ ווִילְדֶע זַאךְ. אַז דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט (פְרֶעגִין וַוייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין מנִישְׁט גִיקֶענְט. אַז יֶענֶער עֶנְפֶערְט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן).

**אִינְדֶערְפְרִי** אִיז ווִידֶער דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרִינְקֶען.

**בַּיינַאכְט אִיז עֶר ווִידֶער גִיקוּמֶען.** אוּן זֵיי הָאבִּין גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרוּנְקֶען אוּן הָאבִּין גִינֶעכְטִיגְט דָארְט. בַּיינַאכְט הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. דָאס קוֹל פוּן דִי חַיוֹת. ווִי זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִישְׁרִיגְן אוּן גִיבְּרוּמְט מִיט ווִילְדֶע קוֹלוֹת.

**דֶער לֵייבּ הָאט גִישְׁרִיגְן.** אוּן דֶער לֶעמְפֶּערְט הָאט גִיבְּרוּמְט מִיט אֵיין אַנְדֶער קוֹל. אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע חַיוֹת. הָאט אִיטְלִיכֶע חַיָה מִיט אֵיין אַנְדֶער קוֹל גִיבְּרוּמְט. אוּן דִי עוֹפוֹת הָאבִּין גִישְׁווִישְׁטְשִׁיט אוּן גִיקְנַאקְט.

**אוּן אַזוֹי אַלֶע הָאבִּין גִיבְּרוּמְט** מִיט ווִילְדֶע קוֹלוֹת. אוּן אִין דֶער תְּחִילָה. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִישְׁט רֶעכְט צוּגִיהֶערְט צוּם קוֹל מַחְמַת פַּחַד. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי צוּ גִיבוֹיגִין דִי אוֹיעֶרִין אוּן הָאבִּין זִיךְ צוּגֶעהֶערְט.

**הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט.** אַז דָאס אִיז אֵיין קוֹל פוּן אַ נִיגוּן זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶר אַ וואוּילִין נִיגוּן וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּגִיהֶערְט.

**הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט.** אַז סֶע אִיז אַ ווִילְד וואוּילֶער נִיגוּן וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר אֵיין ווִילְד חִידוּשׁ. וָואס עֶס אִיז אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג דָאס צוּ הֶערִין. וָואס אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען אַלֶע גָאר נִישְׁט. אוּן טְרֶעפִין גָאר נִישְׁט אָן. אַקֶעגִין דֶעם ווִילְד גְרוֹיסִין תַּעֲנוּג וָואס מֶען הָאט אַז מֶען הֶערְט דֶעם ווִינְדֶערְלִיכְן נִיגוּן.

**הָאבִּין זֵיי צְווִישִׁין זִיךְ גִישְׁמוּסְט** אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין דָא בְּלַייבִּין וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָא צוּ עֶסִין אוּן צוּ טְרִינְקֶען. אוּן הָאבִּין דָא אַזוֹי אֵיין תַּעֲנוּג וָואס עֶר אִיז אַזוֹי אַ חִידוּשׁ. וָואס אַלִירְלֵיי תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט וֶוערִין גָאר בָּטֵל אַקֶעגִין דֶעם תַּעֲנוּג.

**הָאט אָנְגִירֶעט** דֶער קְנֶעכְט דֶעם הַארִין. (דְהַיינוּ דֶעם אֶמֶת'ן בֶּן מֶלֶךְ) אַז עֶר זָאל אִים פְּרֶעגִין (דְהַיינוּ דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) **וָואס אִיז** דָאס. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט בַּאֲשֶׁר דִי זוּן הָאט גִימַאכְט אֵיין מַלְבּוּשׁ דֶער לְבָנָה.

**הָאבִּין זִיךְ אָנְגִירוּפִין** אַלֶע חַיוֹת פוּן דֶעם וַואלְד. בַּאֲשֶׁר דִי לְבָנָה טוּט זֵיי גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת. וָוארִין זֵייעֶר שְׁלִיטָה פוּן דִי חַיוֹת אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר נָאר בַּיי נַאכְט. וָוארִין אַמָאל בַּאדַארְפִין זֵיי אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִשׁוּב אַרַיין.

**אוּן בַּיי טָאג קָאנֶען זֵיי נִישְׁט.** אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר זֵייעֶר שְׁלִיטָה נָאר בַּיי נַאכְט. אוּן דִי לְבָנָה טוּט זֵיי אַזוֹי אַ טוֹבָה וָואס זִי לַייכְט זֵיי בַּיינַאכְט. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי אַלֶע מַסְכִּים גִיוֶוען. אַז זֵיי זָאלִין מַאכִין אַ נַייעֶם נִיגוּן לְכָבוֹד דֶער לְבָנָה.

**אוּן דָאס אִיז דֶער נִיגוּן וָואס אִיר הֶערְט.** וִוי זֵיי הָאבִּין גִיהֶערְט. אַז דָאס אִיז אַ נִיגוּן הָאבִּין זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּ גִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַז סֶע אִיז זֵייעֶר אַ ווָאוֹילֶער זִיסֶער נִיגוּן וָואס סֶע אִיז אַ וִוילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר.

**הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגִירוּפִין** (דְהַיינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד) וָואס אִיז דָאס בַּיי אַייךְ אַזוֹי אַ חִידוּשׁ. אֶלָא מַאי אִיךְ הָאבּ אַ כְּלִי וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין.

**וָואס דִי כְּלִי אִיז גִימַאכְט גִיוָוארִין** מִיט אַזוֹינֶע זַאכִין מִיט אַזוֹינֶע בְּלֶעטְלִיךְ אוּן מִיט אַזוֹינֶע פַארְבִּין. וָואס אַז מֶען נֶעמְט דִי כְּלִי אוּן מֶען לֵייגְט זִי אוֹיף אַ וָואסִירֶע בְּהֵמָה. אָדֶער אוֹיף אַ וָואסֶער עוֹף. אַזוֹי הֵייבְּט עֶס תֵּיכֶּף אָן צוּ שְׁפִּילִין דֶעם נִיגוּן (דְהַיינוּ דֶעם נִיגוּן וָואס דִי חַיוֹת הָאבִּין דָא גִישְׁפִּילְט).

**דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיוָוארִין** דָאס גִילֶעכְטֶער. אוּן עֶס אִיז גִיוָוארִין טָאג. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אִיז זִיךְ וִוידֶער אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ)

**אִיז גִיגַאנְגֶען זוּכִין דִי כְּלִי.** אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגִיזוּכְט אִין דֶעם גַאנְצִין חֶדֶר אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיפוּנֶען אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט צוּ גֵיין.

**אוּן זֵיי** (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ מִיט זַיין קְנֶעכְט וָואס עֶר אִיז דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס פְרִיר אִיז עֶר גִיוֶוען מֶלֶךְ) **הָאבִּין מוֹרָא גִיהַאט צוּ זָאגִין דֶעם** מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד אַז עֶר זָאל זֵיי פִירִין אִין יִישׁוּב אַרַיין.

**דֶערְנָאךְ אִיז גִיקוּמֶען דֶער מֶענְטְשׁ** פוּן דֶעם וַואלְד. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט אַז עֶר וֶועט זֵיי פִירִין אִין יִישׁוּב אַרַיין.

**הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אִין יִישׁוּב אַרַיין.** אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען דִי כְּלִי הַנַּ"ל. אוּן הָאט זִי גִיגִיבְּן צוּ דֶעם אֶמֶת'ן בֶּן מֶלֶךְ. אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. דִי כְּלִי שֶׁענְק אִיךְ דִיר. אוּן מִיט דֶעם (דְהַיינוּ מִיט דֶעם קְנֶעכְט וָואס עֶר אִיז פְרִיר גִיוֶוען מֶלֶךְ וְכוּ' כַּנַּ"ל) וֶועסְטוּ וִויסִין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירִין מִיט אִים.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. וִוי אַהִין זָאלִין מִיר גֵיין.** הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ פְרֶעגִין צוּ דֶער מְדִינָה. וָואס זִי הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען. דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט.** אִין וֶועלְכֶער זַייט זָאלִין מִיר זִיךְ אָנְהֵייבִּין צוּ פְרֶעגִין צוּ דֶער מְדִינָה. הָאט עֶר זֵיי גֶעוִויזְן מִיט דֶער הַאנְט אָט אַהֶער (אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וַוייזְט מִיט'ן פִינְגֶער)

**הָאט דֶער מֶענְטְשׁ** פוּן דֶער וַואלְד גִיזָאגְט צוּ דֶעם אֶמֶת'ן בֶּן מֶלֶךְ. גֵיי אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן דָארְט וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין גְדוּלָה. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. וִוי זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען.

**הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גִיגְלוּסְט** אַז זֵיי זָאלִין גִיפִינֶען עֶפֶּעס אַ חַיָה אָדֶער אַ בְּהֵמָה. כְּדֵי זֵיי זָאלִין פְּרוּבִּין דִי כְּלִי אוֹיבּ זִי וֶועט קָאנֶען שְׁפִּילִין (כַּנַּ"ל) נָאר זֵיי הָאבִּין נָאךְ קֵיין שׁוּם חַיָה נִישְׁט גִיזֶעהְן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי מֶער אִין יִשׁוּב אַרַיין גִיקוּמֶען.

**הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען** עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה. הָאבִּין זֵיי אוֹיף אִיר אַנִידֶער גִילֵייגְט דִי כְּלִי. הָאט זִי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילְן דֶעם נִיגוּן (כַּנַּ"ל) זֶענֶען זֵיי אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה.

**אוּן דִי מְדִינָה** אִיז גִיוֶוען אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִיר אוּן מֶען הָאט אִין דֶער מְדִינָה נִישְׁט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין נָאר מִיט אֵיין טוֹיעֶר. מוּז מֶען אַרוּם גֵיין כַּמָה מַייל בִּיז מֶען קוּמְט צוּם טוֹיעֶר.

**זֶענֶען זֵיי אָרוּם גִיגַאנְגֶען** בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר. אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גִיקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר. הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גִיוָואלְט אַרַיין לָאזִין בַּאֲשֶׁר דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אִיז גִיבְּלִיבְּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ גִילָאזְט צַוָואָה** בַּאֲשֶׁר בִּיז אַהֶער הָאט מֶען גִירוּפִין דִי מְדִינָה. דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. הַיינְט זָאל מֶען זִי שׁוֹין רוּפִין פַארְקֶערְט דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַארִישֶׁע מַלְכוּת.

**אוּן וֶוער סֶע וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען.** אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דְהַיְינוּ אַז מֶען זָאל וִוידֶער רוּפִין דִי מְדִינָה מִיט דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. זָאל דֶער דָאזִיגֶער מֶלֶךְ וֶוערִין.

**אִיבֶּער דֶעם לָאזְט מֶען קֵיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן** נִישְׁט אַרַיין אִין דֶער מְדִינָה. סַיידִין דֶער וָואס עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען.

**הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט** קָאנְסְטוּ דִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. אַז דוּ זָאלְסְט דֶער מְדִינָה אוּם קֶערִין דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט עֶר זִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט גִיקָאנְט דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען.

**הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין** הָאט אִים דֶער קְנֶעכְט אָנְגֶערֶעדְט אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּמְקֶערִין אַהֵיים. נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גִיוָואלְט אוּמְקֶערִין זִיךְ. וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה אוּן דָארְט וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ זַיין גְדוּלָה.

**דֶערְוַוייל אִיז אַהִין אָנְגִיקוּמֶען** נָאךְ אֵיין מֶענְטְשׁ. **וָואס עֶר הָאט גִירִיטִין אוֹיף אַ פֶערְד.** אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין. הָאט מֶען אִים אוֹיךְ נִישְׁט גִילָאזְט אַרַיין מַחְמַת דֶעם (כַּנַ"ל)

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן** עֶס שְׁטֵייט דָאס פֶערְד פוּן יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי כְּלִי. אוּן הָאט זִי אַנִידֶער גִילֵייגְט אוֹיף דֶעם פֶערְד. הָאט עֶס אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילִין דֶעם זֵייעֶר ווָאוּילִין נִיגוּן (כַּנַ"ל)

**הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ** פוּן דֶעם פֶערְד זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפִין. אוּן עֶר הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט. **וָואס קָאנְסְטוּ מִיר גִיבִּין פַאר אַזוֹי אֵיין וִוינְדֶערְלִיכֶע כְּלִי.**

**הָאט דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד** צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס קָאנְסְטוּ דֶען טָאן מִיט דֶער כְּלִי. נָאר דוּ וֶועסְט מַאכִין מִיט אִיר אֵיין קָאמֶעדְיָא אוּן דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ גִילְדְן. אִיךְ קָאן אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס סֶע אִיז בֶּעסֶער פוּן דַיין כְּלִי. אִיךְ ווֵייס אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן'ס עֶלְטֶערִין.

**אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.** דְהַיְינוּ אִיךְ ווֵייס אַזוֹי אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן'ס עֶלְטֶערִין. וָואס דוּרךְ דֶער זַאךְ קָאן מֶען זַיין **אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.** (מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַאךְ) **אַז אֵיינֶער רֶעדְט** עֶפֶּעס אֵיין וָוארְט. קָאן מֶען דוּרךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען.

**אַז מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר** (דְהַיְינוּ אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער) אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ דִי זַאךְ נִישְׁט אוֹיסְגִיזָאגְט פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן אִין דֶער וֶועלְט. בְּכֵן וֶועל אִיךְ דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי דָאזִיגֶע זַאךְ. אוּן דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבִּין דִי דָאזִיגֶע כְּלִי דֶערְפַאר.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען** (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶתִּיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט דִי כְּלִי) סֶע אִיז אֵיין אֱמֶת אֵיין גְרוֹיס חִידוּשׁ אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.

**הָאט עֶר אִים אַוֶועק גִיגִיבְּן דִי כְּלִי.** אוּן עֶר (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד) אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אוֹיס גִילֶערִינְט **עֶר זָאל זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.**


**צו אלע חשוב'ע קינדער וואס וואוינען אין ארץ ישראל און האבן נאכנישט**
**באקומען קיין מתנה פאר די בחינות אויף סיפורי מעשיות, קענען זיך ווענדן צום**
**מלמד ר' יואל יאראוויטש אין חדר ברסלב, בית שמש, אדער אויפן טעלעפאן 052-7166953**

**די קינדער פון חוץ לארץ וואס האבן שוין העכער 80 נקודות זאלן לאזן א קלארן מעסעדש מיט א**
**סעלפאן נומער פון זייערע עלטערן ווי מען וועט זיך בעז"ה פארבינדן אין די קומענדיג טעג.**
**נאך חנוכה וועלן מיר בעז"ה אויסמעקן אלע נקודות.**



לגאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די עלעפטע מעשה (4)
## דער בן המלך און בן השפחה

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**02-5-3333-72**
**646-518-1095**
**1-518-329-9149**

**א. וואס איז די גרויסע געלעכטער וואס זיי האבן געהערט נאנט צו אינדערפרי?**
- ❑ אז דער טאג לאכט פון דער נאכט
- ❑ אז דער נאכט לאכט פון דער טאג
- ❑ אז די זין לאכט פון די לבנה

**ב. וועלכע קול האבן זיי געהערט ביינאכט?**
- ❑ די קול פון די חיות ווי זיי ברומען
- ❑ די קול פון די פייגעלעך וואס האבן גישווישטשיט און געקנאקט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. דערנאך ווען זיי האבן זיך בעסער צוגעהערט האבן זיי געהערט א קול פון?**
- ❑ א געוויין
- ❑ א ניגון וואס ס'איז א גרויסע תענוג עס צוהערן
- ❑ א קול פון ליצנות

**ד. לכבוד וועמען האבן די חיות געמאכט די קול ביינאכט?**
- ❑ לכבוד די לבנה וואס לייכט פאר זיי ביינאכט
- ❑ לכבוד די זון וואס לייכט פאר זיי בייטאג
- ❑ לכבוד די שטערן וואס לייכטן ביינאכט

**ה. וועלכע כלי האט זיי באוויזן דער מענטש פון וואלד?**
- ❑ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א בהמה שפילט עס דעם ניגון
- ❑ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א עוף שפילט עס דעם ניגון
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. האט דער בן המלך געטראפן די כלי אין שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ יא, אבער ער האט מורא געהאט עס צו נעמען

**ז. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געגעבן די כלי, ווען ער האט זיי געטראגן אין ישוב?**
- ❑ פאר דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ פאר דער אמת'ער בן המלך
- ❑ פארביידע צו זאמען

**ח. צו וועלכע מדינה האט זיי דער מענטש פון וואלד געזאגט צו גיין?**
- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

**ט. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געזאגט אז אין יענע מדינה וועט ער קומען צו זיין גדולה?**
- ❑ צו דער אמת'ער בן המלך
- ❑ צו דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ צו ביידע

**י. וואס איז געווען ארום דער לאנד?**
- ❑ א מויער (חומה)
- ❑ שומרים
- ❑ א ים

**יא. מ'האט אריין געלאזט אין די לאנד- נאר ווער עס וועט זיך אונטער נעמען אז מ'זאל צוריק רופן די מדינה...?**
- ❑ די נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ די קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ די נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

**יב. ווער האט נישט געוואלט אהיים גיין, נאר אריין גיין אין די מדינה, און פארוואס?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה, ווייל דער מענטש פון וואלד האט אים געזאגט אז דארט וועט ער קומען צו זיין גרויסקייט
- ❑ דער אמת'ער בן המלך, ווייל דער מענטש פון וואלד האט אים געזאגט אז דארט וועט ער קומען צו זיין גרויסקייט
- ❑ ביידע, ווייל דער מענטש פון וואלד האט צו זיי געזאגט אז דארטן וועלן זיי קומען צו זייער גרויסקייט

**יג. וואס האט פאסירט ווען דער בן המלך האט געלייגט די כלי אויף די פערד וואס איז דארטן געשטאנען?**
- ❑ עס האט אנגעהויבן זינגען דעם זייער (וואונדערליכן) וואוילן ניגון
- ❑ עס האט בכלל נישט געזינגען
- ❑ עס האט אנגעהויבן ארויס געבן משונה'דיגע קולות

**יד. וואס האט דער מענטש פון פערד געבעטן פון דער בן המלך?**
- ❑ אז ער זאל אראפ נעמען די כלי פונעם פערד
- ❑ אז ער זאל אים פארבארגן די כלי
- ❑ אז ער זאל אים פארקויפן די כלי

**טו. וואס האט אים דער מענטש פונעם פערד געגעבן פאר די כלי?**
- ❑ גאלד און זילבער
- ❑ ער האט אים געלערנט צו זיין א מבין דבר מתוך דבר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז ווען מ'הערט זיך גוט איין קען מען הערן א וואונדערליכער ניגון
- ❑ אז עס ווערט צוביסלעך אנטפלעקט ווער עס איז דער אמת'ער בן המלך
- ❑ ________________________.

**מיט אסאך הצלחה!!!**

### ריינער קוואל המשך

גֶעוֶוען און אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

אָבֶער אַזוֹי וִוי בַּיָמִים הָהֵם אִיז אוֹיךְ בַּזְּמַן הַזֶּה "וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים". אִין יֶעדְן דוֹר אִיז פַארְהַאן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס דוּרְךְ זֵייעֶר כֹּחַ הַקְדוֹשָׁה, מִיט זֵייעֶר כֹּחַ הַתְּפִלָּה טוּעֶן זֵיי אוּנְטֶערְדְרִיקְן דִי קְלִיפָּה פוּן יָוָן. אִין אוּנְזֶער דוֹר הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, אַ מַנְהִיג רַחְמָן, וָואס מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען לֶעכְטִיגֶע עֵצוֹת, גְרִינְגֶע וֶועגְן מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּיישְׁטֵיין קֶעגְן דִי גְרוֹיסֶע קְלִפּוֹת, וַוייל "אַבִּיסְל לִיכְט פַארְטְרֵייבְּט גָאר אַסַאךְ חֹשֶׁךְ".

ר' נָתָן פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס גֵייט זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין טְרֵייף פָּסוּל, אוֹיף אַ שְׁרֶעקְלִיכְן אוֹפָן, - דָאס מֵיינְט אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא גֵייט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אוֹיף יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער - נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי'ן, אַ טְרָאפְּעלֶע שֶׁמֶן זַיִת וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער! לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אוּן גוּט דֶערְהֶערְן אַז קַיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען, "תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות אִיז יָא, מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען, עוֹלָם הַזֶּה אִיז נִישְׁט, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען". בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה הַשְׁלֵמָה, וָואס דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה אִיז 'הֲכָנָה פוּן לָשׁוֹן חִנּוּךְ, הֶרְגֵל' - זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי גְאוּלָה וָואס גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט נִתְגַּלָּה וֶוערְן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.